בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**חג השבועות**
**ו' סיון תשפ"ד**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:10 |
| מוצש"ק | 8:28 |
| ר"ת | 9:03 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:15 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': פו
שנה ב'

## טיב הפרשה

# די גרויסקייט פון ווידוי

## והתוודו את עוונם

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מצוה פון ווידוי. די תוה"ק זאגט אן פאר יעדן איד אז ווען ער ברענגט א קרבן חטאת אין בית המקדש דארף ער זיך מתוודה זיין פאר הקב"ה, און ווי עס איז דער לשון הפסוק איש או אשה אשר יעשו מכל חטאת האדם און די תורה זאגט ווייטער והתודו את חטאתם אשר עשו.

דער פסוק רעדט דא ביי ווידוי אויף א קרבן, אבער דער רמב"ם לערנט ארויס פון דעם אז נישט נאר ווען מען ברענגט א קרבן אין בית המקדש דארף מען זיך מתוודה זיין. אויך ווען א איד ווערט חלילה נכשל מיט אן עבירה און ער טוט תשובה אויף די עבירה, דארף ער זיך מתוודה זיין אויף די חטא וואס ער האט געטון.

מיר ברענגען דא אראפ דער לשון הרמב"ם אין הלכות תשובה פרק א' הלכה א' וז"ל: כל מצוות שבתורה בין עשה בין לא תעשה אם עבר אדם על אחת מהן בין בזדון בין בשגגה כשיעשה תשובה וישוב מחטאו חייב להתודות לפני האל ברוך הוא, שנאמר: איש או אשה כי יעשו וגו' והתודו את חטאתם אשר עשו - זה וידוי דברים, וידוי זה מצות עשה, כיצד מתודין, אומר: אנא השם חטאתי עויתי פשעתי לפניך ועשיתי כך וכך והרי נחמתי ובושתי במעשי ולעולם איני חוזר לדבר זה, וזהו עיקרו של וידוי, וכל המרבה להתודות ומאריך בענין זה הרי זה משובח.

דער הייליגער רמב"ם שמועסט דא אויס מיט א קלארקייט אז דער ווידוי איז א טייל פון די תשובה. נישט נאר איז עס א חלק פון תשובה נאר פון זיינע ווערטער איז קענטליך אז דאס ווידוי איז די ערשטע זאך פון תשובה, ווען א איד הייבט אן צו טון תשובה, מוז ער זיך ערשט מתוודה זיין.

די ווידוי איז א חלק פון די חרטה. מיט די ווידוי ווייזט דער חוטא ארויס אז ער טוט אנערקענען אין די חטא און וועגן דעם איז עס דער אנהייב פון די תשובה.

אויך דער ספר החינוך ברענגט אראפ די ווידוי אלץ איינער פון די מצות עשה, אז מען איז מחוייב זיך מתוודה צו זיין ווען מען טוט תשובה. דער חינוך שרייבט עס אין די מצוות [מצוה שס"ד] און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער ווי אזוי ער געבט אראפ די מצוה. וז"ל: נצטוינו להתודות לפני ה' על כל החטאים שחטאנו בעת שנתנחם עליהן, וזהו ענין הוידוי שיאמר האדם בעת התשובה: אנא השם חטאתי עויתי ופשעתי כן וכן, כלומר שיזכיר החטא שעשה בפירוש בפיו, ויבקש כפרה עליו ויאריך בדבר כפי מה שיהיה צחות לשונו עכ"ל.

**זמני חג השבועות**

| | |
|---|---|
| עלות השחר: | 3:42 |
| נץ החמה: | 5:33 |

פון די הייליגע ראשונים זעט מען קלאר אז ווידוי איז א חלק פון תשובה, אבער אין זוה"ק זעט מען אז די נושא פון ווידוי האט אין זיך אויך א טיפערער דערהער.

דער ראשית חכמה ברענגט אראפ די ווערטער פון דער זוה"ק אין שער התשובה. דער זוה"ק זאגט אז ווען א איד טוט אן עבירה ווערט פון די עבירה באשאפן א מקטרג און דער מקטרג רעדט אן שלעכטס אויפ'ן מענטש, אזוי לאנג ווי דער איד טוט נישט תשובה, אבער אין די רגע וואס

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# עַל פִּי ד' בְּיַד מֹשֶׁה

הגה"צ מורינו הרב שליט"א האט דערציילט אויף הרה"צ ר' זונדל קרויזר זצוק"ל אז ווען ער האט געזען ווי איינער קומט עפעס בעטן פון אים, פלעגט ער אים זאגן 'האב אינזינען לשם שמים', דאס הייסט אז אפילו ביי א זאך וואס איז בין אדם לחבירו, אזוי ווי חסד, און אפילו עטליכע חיזוק ווערטער וואס מען רעדט מיט אן אנדער איד, אדער אויב מען הערט אים נאר אויס אינדערצייט וואס ער רעדט זיך אויס דאס הארץ, זאל מען אינזינען האבן לשם שמים, און מען זאל טראכטן אז מען טוט דאס וויבאלד דער אויבערשטער האט אונז באפוילן אזוי צו טון.

אין די פרשה פון די וואך און אין נאך ערטער אין די תורה געפינען מיר, אז ווען די אידן האבן געטון דאס וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן, האט מען דאס געטון 'עַל פִּי ד'', אדער 'כַּאֲשֶׁר צִוָּה ד' אֶת מֹשֶׁה', און דערמיט וויל אונז די תורה לערנען אז די גאנצע כוונה פון אידישע קינדער, און משה ואהרן אריינגערעכנט צווישן זיי, איז געווען נאר צו טון דעם רצון השם, און אזוי פירן מיר זיך אויך היינטיגע צייטן, אז פאר יעדע מצוה וואס מיר טוען, זאגן מיר 'לשם יחוד', און דערמיט זענען מיר מגלה דעת אז אונזער גאנצע כוונה איז צו טון דעם רצון השם, און מייחד זיין דער נאמען פונעם אויבערשטן, דעריבער איז געוואונטשן אז מען זאל אינזינען האבן און פארשטיין דאס וואס מען זאגט, ווייל טאמער נישט – מה הועילו חכמים בתקנתם.

אט דער ענין באקומט א טאפלטער שטארקייט ווען מען עס קומט אן צו די מצוות וואס דער מענטש איז צוגעוואוינט זיי צו טון, אדער ביי אזעלכע מצוות וואס א מענטש פריידט זיך עס צו טון אלס די פעולה אליין. א ביישפיל דערצו איז ווי פאלגנד: אינעם יום טוב שבועות, וועלכער איז איינער פון די שלש רגלים, זענען מיר באפוילן געווארן צו טון פיר מצוות – די מצוה פון עליה לרגל, הקרבת קרבן ראיה, הקרבת קרבן הרגל און די מצוה פון 'וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ'. היינטיגע צייטן, בעוונותינו הרבים, האבן מיר נישט די ערשטע דריי מצוות וואס מיר האבן יעצט אויסגערעכנט, וויבאלד מען קען עס נאר מקיים זיין בזמן שבית המקדש קיים, איז אונז געבליבן מדאורייתא נאר די מצוה פון 'וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ'. אוודאי פראבירט יעדער איינער זיך צו פרייען אום יום טוב, אזוי ווי חכמינו ז"ל האבן געזאגט און אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט להלכה, אז מען איז מקיים די שמחה דורכדעם וואס פאר די יונגע קינדער געבט מען ניסעלעך און געשמאקע זיסע עסן, די פרויען דערפריידט מען מיט שיינע קליידער און צירונגען, און די מענער דורך עסן פלייש און טרינקען וויין. איז אויב דער מענטש טוט דאס נישט 'עַל פִּי ד'', ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן, דערלייגט ער די איינציגסטע מצוה דאורייתא וואס ער האט ביים יום טוב, אנדערש איז אבער אויב מען האט אינזינען אינדערצייט וואס מען קויפט די זאכן לכבוד יום טוב, און אינדערצייט וואס מען עסט, אז מען טוט דאס לשם מצוה, איז מען זוכה צו מקיים זיין די מצוה בהידור.

הָרַחֲמָן הוּא יַחְזִיר לָנוּ עֲבוֹדַת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ לִמְקוֹמָהּ, און מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין אויך די אנדערע מצוות בהידור, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה.

(עפ"י טיב התורה – נשא)

**טיב ההודעות**

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער איד איז זיך מתוודה, קען דער מקטרג מער נישט רעדן קיין שלעכטס אויף דעם איד.

אויף ווי ווייט עס גייט קען מען זען פון דער מדרש אין פרשת בלק [פרשה כ׳] דארטן ווערט דערציילט אז בלעם הרשע האט געזאגט פאר הקב״ה ה׳ חטאתי און ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק ׳ויאמר בלעם אל מלאך ה׳ חטאתי׳.

מיר ווייסן דאך אז בלעם הרשע איז נישט געווען אזא צדיק. פארוואס איז אים איינגעפאלן צו מודה זיין אז ער א זינדיגער? נאר בלעם האט דא געהאט א באהאלטענע כוונה. שפירנדיג אז עס שוועבן אויף אים אסאך דינים האט ער זיך געוואלט ארויסדרייען פון אים.

וויסנדיג פון די עצה אז ׳ווידוי׳ נעמט אוועק די מקטרגים האט ער עס גענוצט. ער האט אויסגעשריגן ה׳ חטאתי – באשעפער איך האב געזינדיגט און אזוי ארום איז אוועקגעגאנגען פון אים די קטרוג.

אז די עצה האט געהאלפן פאר בלעם איז זיכער אז עס העלפט פאר א איד וואס ווערט נכשל אין א זינד און האט אייביג חרטה אויף די זינד. עס קען זיין אז צוליב דעם האבן חז״ל מתקן געווען אז יעדן טאג זאל זיך א איד מתוודה זיין, ווייל דורך די ווידוי האט דער מקטרג מער נישט קיין כח מקטרג צו זיין אויף דעם איד.

עס איז פשוט אז די ווידוי דארף זיין מיט׳ן גאנצן הארץ. אז ווען א איד איז זיך מתוודה דארף ער אינזינען האבן די ווידוי און אנערקענען אז ער האט נישט געטון ריכטיג און חרטה האבן אויף די זינד.

דער געדאנק אז דער ווידוי העלפט אז די קטרוג זאל זיך אפטון פון א איד ווערט אויך געברענגט אין ספרי חסידות. דער מאור ושמש [פרשת שופטים] ברענגט אראפ די געדאנק, מיר ברענגען דא אראפ זיינע ווערטער וז״ל: שאם האדם דן את עצמו מפני אשר יראה בעיניו ולבבו יבין קוצר עבודת בוראו ומפני זה ידכה ישוח ויכנע לפני אלוקיו אָז אֵין דִּין לְמַעְלָה, שאין דנין למעלה במידת הדין, אפס מכריעין אותו לכף זכות.

אן ענליכע בחינה צו דעם ווערט געברענגט אין ליקוטי מוהר״ן [מהדו״ק קנד] אז די משפט פון א מענטש איז אין זיינע הענט און אז ער אנערקענט אין זיין זינד ווערט ער ניצול פון די קטרוגים – ווייל ווען עס איז דא דין למטה איז נישט דא קיין דין למעלה.

זאל הקב״ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו טון תשובה בשלימות און ניצול ווערן פון אלע מזיקים און מקטרגים און ממשיך זיין מכל טוב וטוב.



טיב המועדים

# די וויכטיגקייט פון מתיקות התורה

## והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו

עס קומט דאך צוגיין דער הייליגער יום טוב שבועות – די יום טוב פון מתן תורה ווען כלל ישראל האט באקומען די תורה פון הימל.

מען קען אסאך ארומרעדן פון דעם גרויסן טאג אבער עס איז דא איין נושא וואס איז זייער וויכטיג און מען זעט אז חז"ל האבן געלייגט א דגש אויף דעם און דאס איז די מתיקות התורה.

ווען די אנשי כנסת הגדולה האבן מסדר געווען די תפילות האבן זיי געשפירט פאר וויכטיג אריינצולייגן אין איר א באזונדערע בקשה, אז אויסער וואס מען זאל זוכה זיין צו לימוד התורה און הבנת התורה, זאל מען אויך זוכה זיין צושפירן א טעם אין די תורה.

ביי די ברכת התורה וואס מיר מאכן יעדן אינדערפרי בעט מען הקב"ה 'והערב נא ה' אלקינו' אז הקב"ה זאל אונז זיס מאכן די תורה.

מען טרעפט נישט ביי קיין שום אנדערע מצוה עס זאל זיין א באזונדערע בקשה אויף מתיקות. עס קען זיין אז די סבה דערצו איז ווייל חז"ל האבן געוואוסט אז די שליסל צו בלייבן געבינדן צו די תורה איז מתיקות התורה.

נאר ווען א איד וועט מרגיש זיין ביז'ן סוף די מתיקות התורה, וועט ער בלייבן געבינדן אין איר. אויב מען שפירט נישט קיין שום טעם אין איר וועט דער לומד נאר וועלן אנטלויפן פון די תורה, אבער ווען ער שפירט א זיסער טעם אין איר, ווערט ער מער און מער צוגעבינדן צו איר.

בדרך רמז קען זיין אז די בחינה ליגט אין די ווערטער פון דער 'והערב'. די ווארט האט אין זיך צוויי משמעות'ער. עס קען מיינען 'זיסקייט' און עס קען מיינען 'ערבות'.

דא איז איינס געבינדן מיט די אנדערע. עס איז דא 'עריבות' אז מען שפירט א טעם אין איר וועט אויך זיין 'ערבות' אז דער איד וועט בלייבן צוגעבינדן צו די גמרא אויף אייביג.

עס קען זיין אז דאס איז אויך דער המשך פון די תפילה "ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה", ווייל אויב עס איז דא עריבות און מתיקות וועט מען איבערגעבן פאר די קינדער און עס אריינוואקסלען אין זיי און זיכער מאכן אז עס גייט אריבער מדור דור צו די וויטערדיגע דורות.

די עבודה פון שפירן א זיסקייט אין די תורה איז נישט קיין גרינגע זאך. עס איז דא אזאנע וואס ביי זיי קומט עס כמעט פון זיך אליין אבער קעגן דעם איז דא אזעלכע וועלכע שפירן נישט קיין שום טעם אין די תורה.

עס איז זיכער אז אויך אויב מען שפירט נישט דארף מען ווייטער לערנען. אויף די סארט שוועריגקייט זאגן שוין חז"ל די ווערטער אין אבות פרק ה' [משנה כג] לפום צערא אגרא, און די מדרש רעדט פון די תורה שלמדתי באף, אז דווקא די תורה האט אים עומד געווען אויף אייביג, אבער די שטרעבן דארף אויך זיין אז מען זאל אנקומען צו שפירן א טעם אין איר.

דאס דארף אויך זיין די קבלה טובה וואס א איד דארף מקבל זיין אין אזא הייליגער יום טוב. אין דעם גרויסן טאג דארף א איד ארויסווייזן זיין אמונה אין הקב"ה, אז ער גלייבט אין די מתנה וואס הקב"ה האט אים געגעבן אז עס איז גוט און זיס און אז ער וועט ענדע אנקומען צו שפירן א טעם דערין.

א גוטע עצה ווי אזוי מען קען אנקומען צו די נקודה איז דורך התבוננות. ווען א איד זאל זיך מתבונן זיין פון וואו די תורה הק' קומט, אז מיר זענען די עם הנבחר ווי מען זאגט ביי ברכת התורה אשר בחר בנו, וועט מען אנהייבן שעצן די מתנה, און אז מען שעצט עס, וועט מען וועלן אריינכאפן פון איר מער און מער, ווייל אזא טייערע מתנה וויל מען נישט דערלייגן.

מען קען זיך אויך מתבונן זיין אין די ווערטער פון די צווייטע טייל ברכה "ונתן לנו את תורתו" אז די תורה איז געווען ביי הקב"ה און ער האט אונז געגעבן פון זיך 'חיי נצחי' און אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין דעם וועט מען זוכה זיין צו שפירן א טעם אין די תורה הק'.

עס קען זיין אז מהאי טעמא האט מען מתקן געווען אז ווען מען איז עולה לתורה זאל מען זאגן די צוויי ברכות פון 'אשר בחר בנו' און 'אשר נתן לנו', ווייל אז מען וועט שעצן די תורה וועט מען זוכה זיין איר צו פארשטיין און שפירן אין איר א מתיקות.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו און דערשפירן די טעם פון תורה און זוכה זיין עולה צו זיין אין איר מעלה מעלה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# הילף פון היאל

נאך עטליכע יאר וואס איך האב זיך געמוטשעט מיט שידוכים זענען זיי געקומען צוגיין ווי א רעגן.

אין איין יאר האב איך געדארפט חתונה מאכן דריי קינדער. איך בין געווען מלא שבח והודיה פאר'ן בורא כל העולמים על כל הטובה אשר גמלנו, אבער אין די זעלבע צייט האב איך נישט געוואוסט ווי אזוי איך גיי עס באווייזן.

די טאג טעגליכע לעבנס ווידטשאפט שטופ איך אזוי אויך דורך בדחקות און ווי אזוי גיי איך דא באווייזן אזא זאך?

אין א טאג קומט צו מיר צו א נאנטער ידיד וועלכע האט גוט געקענט מיין מצב, ער פרעגט מיר וואס איז דער פלאן. איך האב אים געזאגט אז כ'האב נישט קיין געהעריגע פלאן.

"פארוואס זאלסטו נישט ארויספארן קיין אויסלאנד"? האט ער געדרוקט.

אין מיינע יונגע יארן האב איך געוואוינט אין אויסלאנד. דער גיין נאכגעלט אפילו פאר א חתונה איז נישט געלעגן אין מיינע בלוט, איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי איך באווייז עס, אבער דער איד האט נישט נאכגעלאזט.

"איך צאל דיר אויס די טיקעט".

קעגן אזא הצעה האב איך נישט געקענט זאגן ניין. א טאג דערויף איז דער איד געקומען צוגיין צו מיר, אין זיינע הענט האט ער געהאלטן א טיקעט און עס מיר דערלאנגט.

איך האב שוין געהאט א טיקעט אויף אויסלאנד אבער מיין הארץ איז געווען פול מיט זארג. ווי אזוי וועל איך זיך אן עצה געבן אין אויסלאנד, אבער אויך אויף דעם האט הקב"ה געזארגט.

ווען איך האב געלאנדעט אין אויסלאנד איז שוין געווען כמעט חצות הלילה. ווייסנדיג וואו עס איז דא א מנין אין אזא שפעטע שעה האב איך געהייסן פאר'ן טעקסי-דרייווער ער זאל מיר צופירן צו יענער שול.

אנקומענדיג אהין האב איך זיך געשטעלט דאווענען מעריב. נאך מעריב קומט צו מיינער א באקאנטער פון די יוגענד יארן און באגריסט מיר. די שמועס גייט אריין אין שוואונג, ער וויל וויסן פארוואס איך בין דא. מיט א שעמוודיגער מינע האב איך אים דערציילט אז כ'גיי חתונה מאכן דריי קינדער.

"און דו קענסט זיך אויס דא אין די שטאט? דו ווייסט ווי אזוי מען גייט ארום"?

איך האב מודה געווען אז ניין – איך האב נישט די מינדעסטע אנונג ווי אזוי עס גייט צו די זאך.

"איך וועל דיר העלפן", האט זיך דער איד אנגעטראגן.

איך בין געווען זיכער אז ער זאגט עס אלץ העפליכקייט אבער איך האב זיך געגנארט.

ער האט מבורר געווען וואו כ'שטיי איין און מארגן צופרי איז ער געווען דארט, ער האט מיר אפגענומען און איז ארום מיט מיר אין אלע אדרעסן. ווי דער איד האט נישט קיין שום אנדערע באשעפטיגונגען האט ער זיך אפגעגעבן מיט מיר פון צופרי ביז ביינאכט.

ער האט מיר באגלייט אין אלע שולן, ביי אלע רייכע לייט, ענדע פון די רייזע האב איך זיך געטראפן מיט א הערליכע סומע אין די הענט.

אבער מער ווי אלעס האב איך זיך אויסגעלערנט אז דער רבוש"ע פארלאזט קיין איינעם נישט. ער ברענגט די שידוך און ער ברענגט די געלט אויף די חתונה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: צ.ל.]

# הלכות און מנהגים פונעם יו"ט שבועות

## תוספת קדושת יו"ט אום ערב שבועות

א. דעם פופציגסטן טאג פון די ספירת העומר איז דער יום טוב שבועות, און מען שפעטיגט מיטן דאווענען מעריב ביים אריינגיין אינעם יום טוב שבועות – ביי צאת הכוכבים, כדי די טעג פון די ספירה זאלן זיין גאנצע ניין און פערציג טעג, תְּמִימֹת.

ב. און דער טעם איז, וויבאלד מיר דערמאנען ביים דאווענען יום חַג הַשָּׁבוּעוֹת הַזֶּה [און דער פסוק האט נישט באשטימט דעם יום טוב לויטן טאג אין חודש, נאר אין דעם אז עס איז דער פופציגסטער טאג פון ספירת העומר, און אייגנטליך וואלט עס געקענט זיין אום ה', ו' אדער ז' סיון, נאר יעצט לויט אונזער חשבון וואס ניסן איז מלא, דרייסיג טעג, און אייר איז חסר, ניין און צוואנציג טעג, פאלט אויס דער יום טוב אלעמאל אום ו' סיון], איז אויב וועט מען דאווענען מעריב פריער, קומט אויס אז מען האט אראפגענומען אביסל פונעם ניין און פערציגסטן טאג פון ספירה פארן יום טוב שבועות, און מען האט פארפעלט פון די תְּמִימֹת.

ג. לויט דעם קומט אויס, אז ביים צינדן די ליכט פון יו"ט, וואס מען פירט זיך אז מען מאכט די ברכה שהחיינו ביים צינדן, און די פרוי איז מקבל אויף זיך די קדושה פונעם טאג ביים צינדן די ליכט, אויב אזוי זאל זי אכטונג געבן צו צינדן די ליכט נאר נאך צאת הכוכבים, אבער ווער עס מאכט נישט די ברכה שהחיינו ביים צינדן, קען יא אנצינדן די ליכט אום ערב שבועות, און אינזינען האבן נאר צו מקבל אויף זיך תוספת החג און נישט טון קיין מלאכות, אבער נאכנישט מקבל זיין אויף זיך די קדושה פונעם יום טוב.

ד. אין הליכות שלמה שטייט, אז מען קען יא אנצינדן די ליכט פון ערב יו"ט, און נאר ביי קידוש און דאווענען געבט מען אכטונג אז מען זאל נישט אנהייבן פאר צאת הכוכבים.

## אויסשפרייטן גראזן

ה. מען פירט זיך צו אויסשפרייטן גראזן אום שבועות אין בית המדרש און אינדערהיים, אלס זכר צו מתן תורה וואס עס זענען געווען גראזן ארום דעם בארג סיני, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "הַצֹּאן וְהַבָּקָר אַל יִרְעוּ וגו'", וואס פון דעם איז משמע אז עס איז געווען דארט פאשע פאר די בהמות.

ו. מען פירט זיך אז מען שטעלט אוועק ביימער אין די שולן און אין די הייזער, און דער טעם איז, כדי מען זאל געדענקען אז אום שבועות נִדּוֹנִים עַל פֵּרוֹת הָאִילָן, און מען זאל מתפלל זיין דערויף.

ז. א טעם אויפן מנהג וואס מען פירט זיך אז מען שפרייט אויס גראזן אום שבועות – וויבאלד משה רבינו ע"ה איז געבוירן געווארן אום ז' אדר, וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים, ביז ו' סיון, און דעמאלטס וַתָּשֶׂם בַּסּוּף, וואס דאס זענען די גראזעלעך, דעריבער שפרייטן מיר אויס די גראזן אום שבועות אלס זכר צו דער נס וואס איז דעמאלטס געטון געווארן צו משה רבינו ע"ה (חידושי הרי"ם).

## דער סדר התפילה און קריאת התורה

ח. מען מעג מתפלל זיין אין דעם טאג אויף הצלחה בלימוד התורה, ווייל א בקשה אויף ענינים רוחניים גייט נישט אריין אין כלל פון די בקשות וואס זענען אסור אום שבת און יו"ט.

ט. כאטש די תורה האט נישט דערמאנט דער ענין פון מתן תורה אום שבועות, וויבאלד די תורה איז געגעבן געווארן אויף אייביג און עס איז נישט שייך צו באשטימען דערויף א באזונדערער טאג אזוי ווי אלע ימים טובים, אז נאר אין דעם טאג איז געווען דער ספעציעלער ענין וואס איז פאסיג דערצו, אזוי ווי יציאת מצרים אום פסח און א סוכה פון ענני כבוד אום סוכות, וואס דאס איז געווען פאר א באשטימטער צייט ווען די אידן זענען געגאנגען אין מדבר, אבער די תורה איז פאר אייביג, לעד ולעולמי עולמים, און דערפאר האט די תורה תולה געווען דעם יום טוב אינעם קרבן פון די שתי הלחם, וואס דאס איז געווען בלויז אין דעם טאג, פונדעסטוועגן ביים דאווענען זאגן מיר יא זמן מתן תורתינו, וויבאלד אין דעם טאג וואס עס געפאלט ביי אונז שבועות, וואס דאס איז אינעם זעקסטן טאג אין סיון, איז די תורה געגעבן געווארן צו די אידן (ערה"ש).

י. מען פירט זיך צו ליינען מגילת רות אום שבועות וויבאלד דאס איז דער צייט פון מתן תורה, כדי אונז צו לערנען אז די תורה איז נאר געגעבן געווארן דורך יסורים און ארימקייט, אזוי ווי רות האט געהאט ווען זי האט זיך מגייר געווען.

יא. טייל זאגן אז דאס איז וויבאלד מגילת רות רעדט זיך פון חסד, און מתן תורה איז חסד פון אנהייב און אינמיטן און ביים סוף, און טייל זאגן אז דאס קומט אונז לערנען, אז די תורה איז נאר געגעבן געווארן דורך יסורים (א"ר).

יב. דער ענין און דער שייכות פון רות אום שבועות, איז וויבאלד גמילות חסד האט א שייכות צו די תורה, און דורכן כח פון גמילות חסד איז געבוירן געווארן דוד המלך.

יג. מען נעמט ארויס צוויי ספרי תורה, און דער מנהג איז אז מען זאגט "אקדמות", און מען זאל עס זאגן איידער דער כהן הייבט אן צו מאכן די ברכה אויף די תורה, און מען ליינט אינעם ערשטן ספר פון "בחודש השלישי" ביז דער סוף פון די עשרת הדברות, און מען ליינט די דברות מיטן טעם העליון.

יד. מען זאל דאווענען תפלת שחרית און מוסף מיט התלהבות וזריזות, כדי עס זאל אים נישט אנכאפן קיין שלאף אינמיטן, און אנקומען צו א טעות, און עס איז באוואוסט אז דער גמר הפרי פון תיקון ספירת העומר און דאס לערנען פון ליל חג השבועות וועט זיין ביים היינטיגן תפלת מוסף, דעריבער זאל מען זיין זייער זריז אין דעם, ווייל הכל הולך אחר החתום (בן איש חי).

## תיקון ליל שבועות

טו. עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש, אז די חסידים הראשונים זענען געווען וואַך א גאנצע נאכט און עוסק געווען בתורה, און דער טעם איז, וויבאלד אינדערצייט וואס די אידן האבן מקבל געווען די תורה זענען די אידן געשלאפן א גאנצע נאכט, און דער אויבערשטער האט זיי געדארפט אויפוועקן

## נשא

### ט׳ סיון תשפ״ד

הזמנים לפי אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ״ש**

| | |
|---|---|
| הדה״נ | 7:11 |
| מוצש״ק | 8:29 |
| ר״ת | 9:04 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק״ש א׳ | 8:10 | סוז״ת א׳ | 9:40 |
| סוזק״ש ב׳ | 9:03 | סוז״ת ב׳ | 10:15 |

הזמנים לפי שעון קיץ

דורך קולות וברקים, און דורכן עוסק זיין בתורה איז מען דאס מתקן, און מערסטנס תלמידים פירן זיך שוין אזוי צו טון.

טז. אין ספר בן איש חי (הלכות שנה ראשונה פרשת במדבר) שטייט ווי פאלגנד: מען זאל אכטונג געבן אז מען זאל נישט רעדן שיחת חולין א גאנצע נאכט, און מען זאל האבן א גרויסע שמירה אין דעם אינעם דאזיגן נאכט, וויבאלד אין יעדער צייט וואס אסאך מענטשן זענען איינגעזאמלט אינאיינעם, איז דער שטייגער פונעם יצר הרע זיי צו מכשיל זיין צו רעדן וואכעדיגע רייד, און מענין לענין וועלן זיי אנקומען צו רעדן דברים אסורים פון געלעכטער און לשון הרע. און מען זאל אכטונג געבן צו לערנען דעם גאנצן סדר הלימוד פון אט דעם נאכט, מיט גרויס חשק און בשמחה רבה און מיט התלהבות הלב, וויבאלד דאס לערנען וואס מען האט מתקן געווען פאר דעם נאכט איז עושה פרי גדול למעלה, און איז ממשיך קדושה וטהרה לנפש האדם, און מען זאל זיך מתגבר זיין ווי א לייב צו זיצן על המשמר מיט אפענע אויגן און פארטרייבן דעם שלאף, און מען זאל איבערהויפט נישט דרימלען, ווייל רבינו האר״י ז״ל האט זייער מחמיר געווען בענין השינה אין דעם נאכט, נאכמער ווי אינעם נאכט פון הושענא רבה, אזוי ווי עס ווערט דערמאנט אין שער הכונות אינעם דרוש פון אט דעם נאכט.

יז. די חרדים לדבר ה׳, זאלן משתדל זיין אז עס זאל זיין א מנין מענטשן צוזאמען, וויבאלד אַכָּל בֵּיהּ עֲשָׂרָה שְׁכִינָה שַׁרְיָא (של״ה).

יח. דער סדר הלימוד אין דעם נאכט – צום ערשט תורה נביאים וכתובים, דערנאך דער מדרש, און נאכדעם די אידרא רבא, ווייל אזוי שטייט קלאר אינעם זוהר הקדוש, אז מען זאל זיך פלאגן אין די תורה, פון תורה צו נביאים, און פון נביאים צו כתובים, און אין דרשות פון די פסוקים און אין די סודות החכמה, און די תרי״ג מצוות זאל מען לערנען פארן מדרש, און אויב האט מען צייט, זאל מען אויך לערנען דעם אידרא זוטא, און דאס אלעס שטייט געדרוקט אינעם תיקון ליל שבועות.

יט. ווער עס איז אויף אינעם נאכט פון שבועות צו עוסק זיין אין די תורה, און ער האט אינזינען אז ער וועט טרינקען פון צייט צו צייט צו שטילן זיין דארשט, איז אויב האט ער אינזינען געהאט בפירוש ביים ברכה שהכל פארן ערשטן מאל טרינקען, אז ער וויל פטר׳ן דערמיט אלעס וואס ער וועט טרינקען דערנאך, דארף ער נישט מאכן נאך א ברכה (משנ״ב קפ״ד סקי״ז), עס איז אבער ענדערש אז מען זאל מאכן די ברכה בורא נפשות, און מען זאל מאכן א נייע ברכה יעדן מאל וואס ער וויל טרינקען (מנח״ש).

כ. עס שטייט אין שער הכוונות אז ווען עס ווערט אשמורת הבוקר אביסל פארן עלות השחר, זאל מען זיך טובל׳ן אין מקוה, און דורכדעם באקומען מיר תוספת קדושה.

### די סעודות פונעם יום טוב

כא. מען האט מתקן געווען צו מרבה זיין בסעודה אום שבועות, וויבאלד עס איז דער טאג פון מתן תורה.

כב. אין אסאך ערטער פירט מען זיך צו עסן מילכיגע מאכלים אינעם ערשטן טאג פון שבועות, וויבאלד ביי מתן תורה איז זיי גע׳אסר׳ט געווארן אלע פלייש וויבאלד עס איז נישט גע׳כשר׳ט געווארן אזוי ווי די הלכה, און דעריבער האבן זיי געגעסן מילכיגע עסנווארג, דעריבער מאכט מען א זכר דערצו. נאך א טעם פארוואס מען עסט מילכיגע עסנווארג און דערנאך עסט מען פליישיגע מאכלים, כדי מען זאל דארפן ברענגען צוויי סארטן ברויט, וויבאלד מען טאר נישט עסן די זעלבע ברויט מיט פליישיג און מילכיג אויפן טיש, וואס דער טיש איז אזוי ווי דער מזבח, איז עס א זכר צו די שתי הלחם וואס מען האט מקריב געווען אום שבועות, און דערפאר זאלן זיי זיין פון ווייץ אזוי ווי די שתי הלחם. אויך פירט מען זיך צו באקן איין ברויט מיט פוטער, וויבאלד דעמאלטס וועט מען אוודאי דארפן ברענגען אן אנדער ברויט כדי עס צו עסן מיט די פלייש.

כג. און מען זאל אכטונג געבן צו נוצן אן אנדער טישטוך ווען מען וויל עסן פלייש, און עס שטייט אין מגן אברהם אז מען דארף נישט מאכן א הפסק דורכן בענטשן ברכת המזון – אויב מען עסט נישט הארטע קעז, נאר מען זאל זיך גוט אויסריינינגן די מויל. אבער אויב מען עסט הארטע קעז זאל מען מפסיק זיין דורכן בענטשן ברכת המזון און מען זאלווארטן זעקס שעה. אויך זאל מען אכטונג געבן וועגן עסן פליישיג און מילכיג פונקט אזוי ווי מען געבט אכטונג א גאנצע יאר, ווי עס ווערט ערקלערט אין יורה דעה סימן פ״ח און פ״ט, כדי שֶׁלֹּא יֵצֵא שְׂכָרָם בְּהֶפְסֵדָם.

כד. אבער דער זוהר הקדוש איז מחמיר אין דעם, אז מען זאל מפסיק זיין דורכן בענטשן ברכת המזון אדער מיטן ברכה אחרונה אויב מען האט נישט געגעסן ברויט, און צו ווארטן א שעה. טייל זאגן אז דער דעת הזוהר איז אזוי אפילו אויב מען עסט פלייש פון אן עוף, און טייל זאגן אז נאר ביי בהמה פלייש האט ער מחמיר געווען אבער נישט ביי פלייש פון אן עוף, און למעשה איז ריכטיג צו מחמיר זיין און מפסיק זיין דורכן בענטשן ברכת המזון און ווארטן א שעה, אפילו צווישן מילכיגס און פלייש פון אן עוף, און מען זאל אויך מאכן קינוח והדחה, און וויניגסטנס זאל ווארטן א האלבע שעה און מאכן קינוח והדחה (מעדני השלחן).

כה. די וועלט פירט זיך צו עסן אום שבועות מילכיגס, און דערנאך עסט מען פלייש, צו מקיים זיין דעם ׳ושמחת בחגך׳, ואין שמחה בלא בשר, און דעמאלטס דארף מען מדקדק זיין צו זיך מקדש זיין, איבערהויפט אין אזא הייליגער טאג וואס דאס איז דער צייט פון מתן תורתנו, אז מען זאל מאכן קינוח והדחה ווי עס דארף צו זיין, און מען זאל מפסיק זיין מיטן בענטשן ברכת המזון און ווארטן א שעה, און דערנאך זאל מען אויסשפרייטן אן אנדער טישטוך, און צוגרייטן די טיש מיט פלייש, און א רמז דערצו שטייט אין פסוק ׳רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית ה׳ אֱלֹהֶיךָ לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ׳, אז מען זאל אכטונג געבן אז ער זאל זיי נישט אויסמישן, און ווער עס הייליגט זיך מער מיט דעם, קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ (של״ה).

כו. אין אביסל ערטער פירט מען זיך, צו עסן האניג מיט מילך, וויבאלד די תורה איז געגליכן געווארן צו האניג און מילך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנֵךְ.

# דערנענטערן די בְּנֵי גֵרְשׁוֹן – די וואס זענען פארטריבן פון די קדושה

"נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן, גַּם הֵם, לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם" ד, כב

עס ווערט ערקלערט אין די ספרים הקדושים (זע אין ספה"ק "דברי יחזקאל" און נאך), אז "בְּנֵי גֵרְשׁוֹן", איז מרמז אויף די קינדער וועלכע זענען רחמנא ליצלן פארטריבן געווארן פון די קדושה, ווערנדיג דערווייטערט פון אונזער טאטע אין הימל. און אויף זיי באפעלט די תורה הקדושה: "נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ 'בְּנֵי גֵרְשׁוֹן' גַּם הֵם וגו'", אז מען זאל אויך דערהייבן און דערנענטערן אט די אידן, און זיי מקרב זיין און צוריקברנגען בתשובה שלימה, אז זיי זאלן צוריקקומען צו זייער משפחה און צו זייערע עלטערן און צום טאטן אין הימל.

פילפאכיג שטארקער ווערט דאס געזאגט, ווען מיר שטייען אין די טעג פון זמן מתן תורתינו, ווען דער אויבערשטער דערנענטערט אונז יעדן יאר פונדאסניי, און וועלט נאכאמאל אויס אין זיין אידישן פאלק מיט ליבשאפט, זיי צו געבן די הייליגע תורה. דעריבער איז נישטא קיין בעסערע צייט פאר התחדשות און דערנענטערונג מיט תשובה שלימה פארן אויבערשטן, ווי אט די געהויבענע טעג, ווען דאס אידישער פאלק באנייט זיך אלס עם הנבחר, עם סגולה, און איז מקבל די גאנצע תורה פונדאסניי, אויף א נייע ווייסע און גלאטע בלאט אינעם אידיש הארץ.

->•<-

איין יאר, איז אנגעקומען צו מיר מיט א וואונדערליכע השגחה פרטית, א ווייטאגליכער פאל וואס איז געווען זייער שווער צו באהאנדלען. עס האט זיך גערעדט פון יונגער בחור, וועלכער איז געווען איינער פון די ווייטסטע 'נושרים', וואס איז נעבעך זייער ווייט געפאלן, רחמנא ליצלן. דער יצר פון אט דעם בחור האט זייער שטארק געפלאקערט אין אים, מיט שווערע און ביטערע תאוות ביז איבערן קאפ. און אזוי ווי דער שטייגער פונעם יצר הרע, אז וואס מער מען זעטיגט אים מער און מער, ווערט ער אלס מער און מער הונגעריג און מער גלוסטיג... און וויבאלד ער האט נישט געהאט דעם לימוד התורה הקדושה אנצופילן זיין מח און הארץ, איז ער געבליבןליידיג פון יעדן אינערליכן אינהאלט, און צוליב זיין געוואלדיגע ליידיגקייט איז ער געווארן אנגעפולט מיט שטותים און נארישקייטן. אזוי ווי דער הייליגער רמב"ם פסק'נט (שלהי הל' איסו"ב כב, כא) אז מען זאל פריי מאכן די מחשבה צו די רייד פון די תורה, און מען זאל פארברייטערן דעם דעת מיט חכמה, ווייל דאס מחשבה פון זנות טוט זיך נאר שטארקן אין א הארץ וואס איז ליידיג פון חכמה, און איבערן חכמה שטייט אין פסוק (משלי ה, יט) "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, דַּדֶּיהָ יְרַוֻּךָ בְכָל עֵת, בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", ביז אהער פונעם הייליגן רמב"ם.

דער סוף פון אט דער בחור'ל איז געווען, אז ער האט זייער שנעל געגליטשט ביז צום אפגרונד רחמנא ליצלן, ביז ער איז געווארן נישט מער און נישט ווייניגער ווי א 'היפי', השם ישמרנו ויצילנו, זייענדיג א מיטגליד אין א גרופע פון 'היפיס', וועלכע זענען באוואוסט אלס אזעלכע וואס דרייען זיך איבער די וועלט, און זענען ערגער ווי בהמות, פארמאגן נישט קיין הויז, דאס מערהייט פון זיי זענען קראנק אויף שווערע דראגס [סמים], און לאזן וואקסן לאנג זייערע האר, און נעמען אוועק פון זיך יעדן נארמאלן מענטשליכן אויסזען, זאל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין.

דער ווייטאג אויפן פארלוסט פון אט די טייערע אידישע נשמה, איז געווען נישט אויסצוהאלטן, און וויבאלד דער טאטע פונעם בחור איז שוין נאנט געווען מיט מיר פאר עטליכע יאר, איז ער געקומען צו מיר און מיר הארציג געבעטן אז איך זאל פראבירן טון וואס איך קען נאר, כדי צו ראטעווען אט די פארבלאנדזשעטע און פארלוירענע נשמה. אבער צום גרויסן באדויערן, האט גארנישט געהאלפן, דער בחור איז געווען אינגאנצן פארזינקען אין בלאטע, רחמנא ליצלן, אזוי אז עס איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן, און מען האט נישט געקענט זען קיין שום אנהייב פון וואו אים צו ראטעווען און ארויסשלעפן פונעם אפגרונד. דער צער און טרויער און אויך די תפילות פאר זיינעטוועגן האבן געשפאלטן הימלען, טרערן האבן זיך געגאסן ווי וואסער, מען האט אבער נאכנישט געזען קיין ישועה פאר די אויגן.

איין שיינער פירונג האט דער בחור נאך אנגעהאלטן – צו יעדנס וואונדער – אז פון צייט צו צייט ווען ער פלעגט באזוכן אין ירושלים עיר הקודש, איז ער אריינגעקומען ביי מיר צו בעטן א ברכה. זעט אויס, אז עס האט נאך געשיינט ביי אים עפעס א פונק, און ער האט געגלייבט אינעם כח פון די ברכות. איך פון מיין זייט האב אים שיין אויפגענומען, און וויבאלד איך האב געזען אז מוסר רייד טוען גארנישט אויף ביי אים, האב איך אויפגעהערט דערמיט, נאר איך האב געגאסן אויף אים פילע ברכות לויט זיין פארלאנג. מיינע בני בית האבן טאקע געהאט אביסל פאראיבל דערויף, און אויך זיינע קרובים האבן מיר געזאגט אז מען טאר אים נישט מקרב זיין, וויבאלד ער האט אזוי מיאוס אוועקגעשטויסן אלעס וואס איז הייליג און טייער. איך האב אבער נישט געמאכט דעם חשבון פון אן אנדערער, נאר איך האב געדענקט דעם מאמר פון אונזערע הייליגע חכמים (אבות פ"ב מ"ד): "אַל תָּדוּן אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ", און איך געבליבן פעסט מיט מיינס, אז מיין טיר איז קיינמאל נישט פארשלאסן פאר קיין שום איד. וויבאלד ער פון זיין זייט וויל זיך דערנענטערן, האב איך אים ווייטער שטייגערליך געבענטשט מיט ליבשאפט יעדן מאל וואס ער איז געקומען.

איין טאג, ארום די תקופה פונעם הייליגן יום טוב שבועות, האט זיך דער בחור באוויזן אויף מיין שוועל, אן די גאנצע לאנגע געלאקטע האר, ער האט זיך אלעס געלאזט שערן, און אט האט דאס אידישע אויסזען צוריק באוויזן אויף זיין געזיכט, מיט א קאפל אויפן קאפ, און אזוי ווייטער. האב איך אים געפרעגט – וואס איז געשען? מה יום מיומיים?

די תמימות'דיגע און גלאטע ענטפער פונעם בחור, האט מיר געלאזט ערשטוינונג! איך האב זיך דערמאנט, זאגט ער, אינעם ניגון וואס יעדער זינגט אינעם יום טוב שבועות (פונעם פיוט ביי מוסף פון שבועות, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער "עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ" וכו'): "תֹּאַר כַּלָּה מְאֹד נִתְעַלָּה... תֹּאַר כַּלָּה מְאֹד נִתְעַלָּה"... האב איך געטראכט צו זיך – מיר שטייען דאך יעצט אין די טעג פון די גרויסע חתונה פון דער אויבערשטער מיטן כנסת ישראל. דער שטייגער איז דאך אז ביי א חתן-כלה איז דא א שטארקע חשיבות וויאזוי די כלה זעט אויס מיט אירע אלע צירונגען און שיינע קליידער אינדערצייט פון די גרויסע חתונה. האב איך זיך מתבונן געווען, און אביסל טיפער אריינגעטראכט, וויאזוי זעט אויס מיין אייגענע "תואר כלה", מיט וואספארא צורה און מיט וואספארא געזיכט קום איך אן... אט די מחשבה האט מיר שטארק געכאפט, און מיר געקלאפט אין פנים ווי א שטארקער דונער, און האט דורכגעדרינגען ביז צו די טיפענישן פון מיין הארץ! איך האב גלייך באשלאסן ביי מיר, אז דאס איז נישט דער אויסזען פון א אידישער מענטש!!!

אויף אזוי ווייט האט דער אנערקענונג אריינגעדרינגען אין אים, און אים נישט געלאזט קיין מנוחה, ביז ער האט אויפאמאל מחליט געווען אז ער שערט אפ דעם גאנצן מאדנעם 'היפישן' טשופ, און ער טוט אן א קאפל און אזוי ווייטער, ביז ער איז אינגאנצן צוריקגעקומען למקור מחצבתו, און איז געווארן

א פולשטענדיגער בעל תשובה!!!

וואס טויזנטער דרשות, שמועסן און בקשות האבן נישט אויפגעטון, וואס די טעג פון ראש השנה און יום הכיפורים, נעילה און תקיעת שופר האבן ביי אים נישט אויפגעטון, האט דער ניגון "תואר כלה" גע'פועל'ט ביי אים... ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס עס וועט כאפן א איד...

(טיב המעשיות ח"ג דף נ"ה)

->•<-

כ"ק מרן אדמו"ר רבי חיים מרדכי מנדבורנא זצוק"ל, האט נאכן ארויפקומען צום הייליגן לאנד, געוואוינט אין די שטאט תל אביב יצ"ו, וואו ער האט אויפגעשטעלט זיין הייליג הויף. אזוי ווי פילע אדמורי"ם אין יענע תקופה וועלכע זענען ארויפגעקומען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, נאכן געראטעוועט ווערן און איבערלעבן די וועלט-מלחמה, און האבן אויפגעשטעלט זייער הויף אין תל אביב, וועלכע איז פול געווען מיט חסידים ואנשי מעשה, איידער עס האבן זיך אנטוויקלט די גרויסע חרדי'שע צענטערן אין ירושלים און אין בני ברק.

אין יענע צייטן, ביים אנהייב פון די ציוני'סטישע מדינה, ווען די ציונים שר"י האבן פראבירט מיט אלע כוחות אוועקצושלעפן אידישע קינדער פונעם ערליכן וועג, האט ליידער געהערשט אין די גאסן א געפערליכע ווינט פון פריקת עול, רחמנא ליצלן. ליידער זענען זייער אסאך פון די יונגטליכע אין תל אביב געווארן נאכגעשלעפט נאך זיי, ווערנדיג פארבלענדעט פון די דרויסנדיגע רייץ פונעם גשמיות וואס זיי האבן געזען ביי זיי, און זענען ארויסגעגאנגען לתרבות רעה, השם ישמרנו.

אט די יונגטליכע זענען דערווייטערט געווארן מיט שאנד פונעם יהדות החרדית, און זענען נישט ערלויבט געווארן צו האבן קיין שום שייכות מיט די בני הקהילה וואו זיי האבן פריער באלאנגט. אזוי זענען זיי אויסגעשפיגן געווארן צום הפקר'דיגן גאס, מיט אלע סכנות וואס דאס האט געברענגט מיט זיך, בעיקר ברוחניות.

דער הייליגער נאַדוואָרנער רבי – האט אבער געהאט אן אנדער מהלך, און געפירט האט ער זיך אין דעם אנדערש ווי אלע אנדערע קהילות. ער פלעגט דווקא יא מקרב זיין די אלע יונגע בחורים וועלכע זענען אויסגעשפיגן געווארן פון זייערע קהילות. ביי זיין טיש וואס ער האט געפירט אום שבת קודש, פלעגן זיך באטייליגן אסאך פון אט די יונגען פון תל אביב, וועלכע זענען פארטריבן געווארן בבושת פנים פון אלע אנדערע בתי מדרשים פון שטאט, און דער צדיק פלעגט זיי מקרב זיין בכל מיני קירוב, כאטש ער האט גוט געוואוסט וואס עס טוט זיך אפ אין זייער הארץ, און אז זיי האבן זיך אפגעקערט פונעם דרך התורה והמצוה.

זענען געווען אסאך ערליכע אידן, וואס דאס האט נישט מוצא חן געווען אין זייערע אויגן, און זיי פלעגן טענה'ן צום רבי'ן: פארוואס איז דער רבי מקרב אט די יונגען, וועלכע האבן זיך אוועקגעקערט פון דעם דרך פון זייערע עלטערן, און האבן זיך אויסגעוועלט א קרומע וועג? מען דארף דאך ארויסגיין מיטן גאנצן שטארקייט אנטקעגן זייער מהלך, און עס אינגאנצן אויסרייסן, דורכדעם וואס מען וועט זיי אינגאנצן מרחיק זיין פונעם מחנה ישראל, אז זיי זאלן זיך פילן ווי זיי זענען מוחרם!

וויבאלד ער האט פארשטאנען אז זיי האבן דאך עפעס א טענה, איז דער נאדווארנער רבי געפארן קיין בני ברק, צום הייליגן חזון איש זצוק"ל, וועלנדיג הערן דעת קדשו אינעם ענין. ער האט גע'טענה'ט צום הייליגן חזון איש, אז אפילו אויב עס וועט אים נישט געלונגען צו דערנענטערן אט די יונגען זעלבסט צום דרך התורה, וועט ער כאטש קענען ראטעווען זייערע קינדער. ווייל אויב זיי וועלן האבן א גוטן ארט פון תורה און קדושה צו שיקן דארט זייערע קינדער, וועלן זיי אוודאי נישט שיקן זייערע קינדער ערגעץ אנדערש, וויבאלד זיי קענען דאך גוט דעם ערליכן חינוך, און זיי ווייסן אז דער ערציאונגס סיסטעם פון די פרייע איז פארפוילט. און ביי די קהילה פון וואו זיי שטאמען, זענען זיי דאך ארויסגעווארפן, און מען וועט אוודאי נישט וועלן אננעמען זייערע קינדער דארט, וויבאלד זיי זענען "בני גרשון"... דעריבער איז ער זיי מקרב, כדי צו קענען ראטעווען וויניגסטנס זייערע קינדער, אזוי ווי עס שטייט דאך אין פסוק: "נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן!!" – אז מען זאל מרומם זיין אט די קינדער, וועלכע זענען די קינדער פון די וואס זענען פארטריבן געווארן פון די קדושה...

הערנדיג די ווערטער, האט דער חזון איש צוגעשטימט, אז מען טאר זיי נישט דערווייטערן, נאר ער זאל ווייטער אנגיין לויט זיין וועג, און מקרב זיין אלע אידן לאביהם שבשמים, אן קיין יוצא מן הכלל.

אין יארן ארום, איז א שיינער טייל פון די חשוב'ע חסידות פון נאדווארנא, אויפגעשטאנען פון אט די תל אביב'ע קינדער וועלכע זענען נתחנך געווארן אויפן ערליכן וועג, און זענען נתקרב געווארן צו תורה ומצוות און בדרך החסידות, און האבן אויפגעשטעלט בתים נאמנים לה', בקדושה ובטהרה לתפארת בית ישראל.

(טיב המעשיות ח"ו דף סא)

->•<-

אין די שטאט תל אביב האט געוואוינט א חשוב'ער תלמיד חכם, וועלכער האט געלערנט אין א כולל אין בני ברק. ער פלעגט ארויספארן גאנץ פרי יעדן אינדערפרי, מיט א ספעציעלן נסיעה וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורכן ישיבה, און ער פלעגט אנקומען דארט אין בית המדרש נאך פארן דאווענען שחרית, און איז שוין געבליבן לערנען דארט ביז אין אוונט.

איינמאל האט ער זיך פארשפעטיגט צוליב א סיבה, און דעריבער האט ער געדארפט דאווענען שחרית נעבן זיין הויז, און נאר נאכן דאווענען האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו די ישיבה אין בני ברק. וויבאלד ער האט פארשפעטיגט, האט ער נישט געקענט פארן מיט די ספעציעלע נסיעה וואס די ישיבה האט צוגעשטעלט, און צו זיין ווייטאג האט ער זיך געמוזט שלעפן אויף די וועגן פארנדיג מיט די אויטאבוסן וואס זענען געווען פול מיט פרייע סטודענטן, וועלכע זענען אויך געפארן פון תל אביב צום 'בר אילן אוניווערזיטעט' וואס איז נאנט צו בני ברק, בבחינת אנו רצים והם רצים וכו'... (ברכות כח:).

די ליידיגע יונגען, וועלכע האבן ליידער אראפגענומען פון זיך יעדן עול, האבן די גאנצע וועג געזעצן און געלאכט, הויך אויפן קול ווי זייער שטייגער. אבער דער לעכטיגער יונגערמאן האט זיך געמאכט נישט וויסנדיג דערפון, נאר ער האט זיך אריינגערוקט אין זיין ווינקל, האלטנדיג אין האנט א "משנה ברורה", אין וועלכן ער פלעגט אלעמאל לערנען פלייסיג פארנדיג איבער די וועגן.

איינער פון די יונגען וועלכער איז געזעצן נעבן אים, זעענדיג פאר זיך א יונגערמאן וואס איז אזוי פארזינקען אין זיין לערנען, און מאכט זיך בכלל נישט וויסנדיג צו דעם גאנצן טומל און ליצנות וואס טוט זיך ארום אים, איז ער געווארן זייער נייגעריג, און האט געוואלט וויסן און פארשטיין, אין וואס איז עוסק דער יונגערמאן? וואס איז דער זאך וואס פולט אן דער הארץ און מח פון די אלע 'שווארצע' (פרומע), אויף אזוי ווייט אז עס גייט אים נישט אן דאס וואס עס טוט זיך ארום אים, און ער כאפט נישט אויף זיי אפילו א קליין בליק...

ער האט פראבירט כאפן א שמועס מיטן יונגערמאן, און ער האט זיך געווענדן צו אים מיט א פראגע: זייט מיר ביטע מוחל, און זאגט מיר, וואס איז דער ספר וואס איר האלט אין האנט? איך זע אז דאס באשעפטיגט אייך זייער שטארק!

וויבאלד דער יונג האט געשטעלט זיין פראגע מיט הכנעה און דרך ארץ, האט דער יונגערמאן זיך גענומען ערקלערן געשמאק פון וואס עס רעדט זיך. מיט אן איידלקייט און חן האט ער אים גענומען ערקלערן איבער די וואונדערליכע ווערק פונעם הייליגן "משנה ברורה", וואס איז באוואוסט איבער די גאנצע וועלט, און אויך האט ער געשילדערט דעם גרויסן מחבר פון דער ספר.

המשך אין עמוד ד' |>

דער נפש פונעם יונג איז נישט געווארן זאט, ער האט זיך אינטערעסירט נאך און נאך, און געוואלט פארשטיין פונקטליך, וואס איז דער ספר פון אויבן [דער שולחן ערוך], און די צוויי חיבורים וואס געפינען זיך אונטער דעם [דער באר היטב און דער שערי תשובה], און אונטער זיי זענען דא נאך צוויי חיבורים [משנה ברורה און ביאור הלכה], און די ברייטע ליניעס פון אונטן [שער הציון], און וואס זענען די קליינע ווערטער פון אויבן ביי דער זייט [באר הגולה], און אזוי ווייטער. איז דער יונגערמאן געזעצן און מיט גרויס געדולד האט ער אים ערקלערט יעדער זאך באזונדער, וויאזוי עס איז צוגעגאנגען דער סדר הדורות פון די פארשידענע מחברים, און אז דער גאנצער 'טורעם' איז געבויט געווארן איינס העכער דעם אנדערן, און יעדער מחבר האט געזען די חיבורים וועלכע זענען געווען פאר אים, און דערנאך האט ער צוגעלייגט זיינע אייגענע. אלס א ביישפיל דערצו, האט ער אים געוויזן דער 'מפה' וואס דער הייליגער רמ"א האט אויסגעשפרייט מיט זיינע הגהות [אין אותיות רש"י] אויפן 'שולחן' ערוך, וואס דער מחבר האט געשריבן.

אויך האט ער אים געגעבן צו פארשטיין וויאזוי עס גייען די סימנים פון די אותיות פון די נושאי כלים וועלכע זענען אריינגעפלאכט אין די ווערטער פון דער שולחן ערוך, און מען האט עס אריינגעשטעלט אויף די ווערטער וואס די מפרשים שטעלן זיך דערויף, יעדן מפרש לויט זיין אייגנארטיגער סארט אות.

אזוי זענען זיי געזעצן און געשמועסט, איבערן כראנאלאגישן סדר פון די מחברים, און איבער דער פארעם וויאזוי דער ספר איז אויסגעשטעלט – ביז דער אויטאבוס איז אנגעקומען צו דער סטאנציע איידער מען פארנט אריין אין בני ברק, וואו דער יונג איז אראפגעגאנגען צוזאמען מיט זיינע חברים, צו שטודירן אין בר אילן.

ווען דער יונגערמאן האט שפעטער אריינגעטראכט איבער דאס וואס ער האט געשמועסט מיטן יונגנטליכער, האט ער אנגעהויבן צו שפירן א חרטה, טראכטנדיג 'אויף וואס האב איך פארברענגט אזויפיל טייערע צייט, דורכאויס דעם גאנצן לאנגן נסיעה. אויב וואלט מען גערעדט אין לערנען, אדער כאטש דברי חיזוק און מוסר, וואלט נאך גוט געווען, אבער דא האט מען דאך נאר גערעדט היסטאריע, און איבער וויאזוי דער ספר איז צוזאמגעשטעלט – ווי דער שטייגער פון סטודענטן וועלכע האבן ליב צו מאכן טרוקענע פארשונגען, בלויז ארום דער ספר... די היסטאריע און דאס לעבן פון דער מחבר, און די יארן ווען מען האט געדרוקט די פארשידענע מהדורות פונעם ספר... אבער אינעם ספר אליין רידן זיי נישט אן... אויב אזוי, קומט דאך אויס אז די גאנצע צייט פונעם שמועס איז געגאנגען אומזיסט!

אין די זעלבע תקופה, איז אויסגעקומען פארן יונגערמאן זיך צו טרעפן מיט דער הייליגער סטייפלער זצוק"ל, און וויבאלד דער יונגערמאן האט נאך אלץ געהאט ספיקות צי ער האט גוט געטון, שמועסנדיג אזוי מיטן סטודענט, האט ער באשלאסן אז ער גייט פרעגן פארן סטייפלער צי ער האט גוט געטון דערמיט.

הערנדיג זיינע רייד, האט אים דער "קהילות יעקב" ערקלערט, אז לויט זיין מיינונג האט ער זייער גוט געטון, וויבאלד מען קען נישט וויסן וואס און ווען זיינע ווערטער, וואס ער האט גערעדט ארום דעם הייליגן ספר, וועלן פועל'ן אינעם הארץ פונעם יונג.

און דער סטייפלער האט געשטעלט זיינע ווערטער מיט א ראיה פון די באוואוסטע "אגדתא" איבער דעם גרויסן און הייליגן תנא "רבי עקיבא", אין אבות דרבי נתן (פרק ששי), און אזוי ווערט דארט געברענגט: וואס איז געווען דער אנהייב פון רבי עקיבא. האט מען געזאגט – ער איז געווען פערציג יאר אלט, און ער האט נאך גארנישט געלערנט. איינמאל איז ער געשטאנען ביים עפענונג פונעם ברונעם, און ער האט געזאגט: ווער האט אויסגעגראבן דעם שטיין? האט מען געזאגט: צו דען נישט די וואסער וואס פאלן שטענדיג דערויף יעדן טאג? האבן זיי געזאגט: עקיבא! האסטו נישט געליינט דער פסוק (איוב יד, יט) 'אֲבָנִים שָׁחֲקוּ מַיִם'? – האט רבי עקיבא גלייך געמאכט א קל וחומר אויף אים אליין: מה-דאך די ווייכע וואסער האט אויסגעגראבן דעם הארטן שטיין, איז די ווערטער פון די תורה וואס איז הארט אזוי ווי אייזן, וועט אוודאי אויסגראבן מיין הארץ וועלכער איז בלוט און פלייש! און ער האט זיך גלייך גענומען לערנען תורה. ביז אהער פון אבות דרבי נתן.

און דאס איז דאך פשוט, אז איין טראפ וואסער וואס פאלט אויף א שטיין – טוט גארנישט אויף, נאר וויאזוי האבן די ווייכע וואסערן דורכגעגראבן דעם הארטן שטיין? דאס איז נאר געשען דורכדעם וואס דאס איז געטון געווארן בהתמדה, און איז געפאלן דערויף "טאג נאך טאג", אזוי ווי עס ווערט געברענגט דארט אין די ברייתא. ביים אנהייב וואס די וואסער טראפט אויפן שטיין, זעט מען דארט נישט קיין שום צייכן דערפון, און נאר דורכדעם וואס נאך א טראפ און נאך א טראפ זאמלט זיך אן צו א גרויסן חשבון, דעמאלטס ווערט די שטיין טיף אריינגעגראבן.

אזוי איז עס אויך ביי דער נמשל. ווען די קדושה גראבט זיך אריין אינעם הארץ פונעם מענטש, דורכאויס א לאנגע תקופה, האט מען אין אנהייב נישט געקענט זען די גוטס וואס ווערט איינגעקריצט אינעם הארץ, אבער ווי מער דער מענטש איז מוסיף נאך און נאך קדושה אין זיין הארץ, ווערט עס מער און מער איינגעקריצט ביי אים.

אויך ביי דיין שמועס מיטן יונגטליכער 'איבער דער מחבר און זיין ספר', האט דער סטייפלער ערקלערט פארן ערשטוינטן יונגערמאן, קען מען נישט וויסן ווי ווייט וועלן זיין די תוצאות. מעגליך וועט ער אין יארן ארום נאכאמאל באגעגענען דעם ספר משנה ברורה, און דעמאלטס וועט עס אים שוין זיין נענטער צום הארץ, וויבאלד ער האט זיך שוין דעמאלטס באגעגנט דערמיט אונטערוועגנס, און עס וועט אים ציען צו לערנען אינעם ספר און זיך פירן לויט דעם. און מעגליך איז דאס נאר די ערשטע טראפ פון א רייע פון טראפנס וואס די השגחה עליונה איז אנגעגרייט צו מאכן טראפן און אויסגראבן אינעם נפש פון אט דעם אידיש קינד, איר צו דערנענטערן צום אמת און איר צוריקקערן לצור מחצבתה!

ווייל דאס איז א כלל גדול אין די הבטחה וואס דער פסוק איז אונז דא מבטיח: "נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן... לְבֵית אֲבֹתָם"! ווייל דער סוף און דער תכלית וועט זיין, אז אלע בני גרשון, און דער גאנצער עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, וועט זיך צוריקקערן לצור מחצבתם. און מיר קענען נישט וויסן דעם סדר הגלגולים וואס די השגחה עליונה פירט צו, וויאזוי און וואס זאל זיי מקרב זיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמואל ב' יד, יד): "וְלֹא יִשָּׂא אֱלֹקִים נֶפֶשׁ, וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח". – און דאס איז דער סוד פון די ברכה "מְקַבֵּץ נִדְחֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל", וואס מיר זענען מתפלל דריי מאל א טאג, ביז מיר וועלן איניגיכן זוכה זיין צום קול שופר של משיח צדקינו, וואס ער וועט צוריקקערן די הערצער פון אלע בְּנֵי גֵרְשׁוֹן, לְמִשְׁפְּחֹתָם וּלְבֵית אֲבֹתָם, במהרה בימינו אמן.

(טיב המעשיות ח"ו דף ס"ו)


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר ת.נ.צ.ב.ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לנדברג נלב"ע ט' אייר תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173